YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv03i16

# GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 3 Issue 16
April 1921

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

## Gerechtigkeit (Vol. 3, Iss. 16)

### Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

### Comments

*Justice* was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/100

# די מיטגלידער פון לאקאל 62 נעמען אן איינ־שטימיג דעם סעטעלמענט

### די יוניאן פאנגט אן א גרויסען ארגאניזאציאנס קאמפיין.

מיר האבען שוין באריכטעט לעצטע וואך וועגען דעם סעטעלמענט אין דער וואהייט גודס אינדוסטריע פון ניו יארק

לעצטען שבת נאכמיטאג, דעם 2טען אפריל, האט די וואהייט גודס ווארקערס יוניאן, לאקאל 62 געהאט א באגייסטער־טען מעמבער־מיטינג אין בעטהאווען האל, וואו דער סעטעלמענט איז פארגעלייגט געווארען פאר די מיטגלידער צו באשטימען אויב ער זאל אנגענומען ווערען אדער ניט.

ברודער וויליאם דייוויס, דער מע־נעדזשער פון דער יוניאן, האט איבערגע־געבען די פונקטען פון דעם נייעם אגרי־מענט, וועלכער איז געשאפען פאר א טער־מין פון צוויי יאהר, און דער עולם האט זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאמ־קייט צו יעדען פונקט באזונדער. דער רעזולטאט איז געווען דאס דער אגרימענט איז איינשטימיג אנגענומען געווארען.

די הויפט־פונקטען פון דעם אגרי־מענט האבען מיר שוין איבערגעגעבען אין דער „גערעכטיגקייט" לעצטע וואך.

דער מיטינג איז אויך אדרעסירט גע־ווארען פון אונזער וויס־פרעזידענט סע־מיועל לעפקאוויטש. ער האט גראטולירט די מיטגלידער פון דער יוניאן מיט דעם סעטעלמענט און זיי אויפגעפאדערט צו זיין אקטיוו אין דער יוניאן און זעהן, אז די פונקטען פון דעם נייעם אגרימענט זא־לען ריכטיג דורכגעפיהרט ווערען אין לע־בען. זיין רעדע, ווי די רעדע פון ברודער דייוויס, איז ווארים אויפגענומען געווא־רען. דער טשערמאן פון מיטינג איז גע־ווען ברודער זייעטץ, דער ביזנעס איי־דזשענט פון לאקאל 62.

### די יוניאן פאנגט אן א נייעם ארגא־ניזאציאנס־קאמפיין.

די וואהייט־גודס אינדוסטריע פון ניו יארק איז נאך, ליידער, ניט אינגאנצען ארגאניזירט. עס זיינען נאך דא גענוג וואייט־גודס שעפער אין ניו יארק, צו וועל־כע די יוניאן האט קיין שליטה ניט און וואו די ארבייטס־באדינגונגען זיינען א סך ערגערע ווי אין די יוניאן־שעפער פון דעם פאך.

די יוניאן וועט איצט מאכען א שטאר־קען „דרייוו" צו ארגאניזירען יענע שע־פער. די יוניאן אפעלירט צו אלע איהרע מיטגלידער, צו העלפען אין דער ארבייט. זאלען זיי רעדען צו די ארבייטער אין טרייד וואס באלאנגען נאך ניט צו דער יוניאן, און ווירקען אויף זיי, זיי זאלען זיך ארגאניזירען. די יוניאן וועט, פאר־שטעהט זיך, אויך טאן איהר טייל, דורך מיטינגען און ליפלעטס, ביז די ארבייטער פון יענע שעפער וועלען דערגרייכט ווערען.

## פרעזענטירען דעם שאפ־טשערמאן.

די ארבייטער פון קאהן און פלאקס, 135 וועסט 26טע סט. האבען פרעזענ־טירט זייער שאפ־טשערמאן, ברודער פרידמאן, מיט א גאלדענע וואטש און טשעין, פאר זיין גוטע ארבייט פאר'ן שאפ און די יוניאן. די קאמיטע.




ציייכנונג פון א פאטאגראפיע פון אונזער פר. נערי ציינגט ווי מען לאדעט אן קאוואלא (טערקישע) טאבאק אויף קליינע שיפעלעך וואס פיהרען זיך צו די גרויסע שיפען אין ים. דער טאבאק איז געקליבען בלאט ביי בלאט און פעסט פערפאקט אין באירלאפ זעק וואס וועגען פון 50 ביז 100 פונט.

# בעסטע טערקישע טאבאקען גיבען אויסצייכנונג צו טשעסטערפיעלד'ס בלענד

קאוואלא און עקזאנטהי; סמירנא און סאמסאן — בעריהמט אין דער גאנצער היסטארי פון טאבאק פאר זייער מחיה'דיגען אראמאט און דעליקאטען פלייוואר — העלפען זיכער צו שאפען א גלאטערען, בעסערען בע'טעם'טערען סיגארעט.

אבער — ברענגט דיעזע פיינע טערקישע טא־באקען איבער'ן ים, זעקס טויזענד מייל ווייט — בלענדעט זיי מיט אונזער דא־געוואקסענע, היימישע בוירלי און אנדערע בעסטע אמעריקאנער טאבאקען — בלענדעט זיי פארזיכטיג און מיט שכל אויף דעם ניט קענענדע נאכגעמאכטע טשעסטערפיעלד מע־טאדע; דאן, און ניט ביז דאן, האט איהר דעם אמת'ען סמאוק — דעם סמאוק וואס מאכט, אז מענער זאלען הנאה האבען — דער איינציגער סמאוק — וואס קען און טהוט פאלשטענדיג „צו פרידענשטעלען" — ט־ש־ע־ס־ט־ע־ר־פ־י־ע־ל־ד!

Liggett & Myers Tobacco Co.

# Chesterfield
## CIGARETTES

## זיי שטעלען צופריעדען

און דער בלענד קען ניט נאכגעמאכט ווערען.

20 פאר 20 סענט

# א נייע באנק אינסטיטוציע אין די בראנקס

די בראנקס איז איצט רייכער געווא־
מיט איינע פון די בעסט־ארגאניזיר־
פינאנץ־אינסטיטוציעס אין גרייטער
יארק. דאס איז די בראנקס ברענטש
די „באנק אוו יונייטעד סטייטס“. די
נק געפינט זיך אין איהר אייגענער ביל־
, וואס איז ספעציעל אויסגעבויט גע־
רען אויפ'ן קארנער סיטערן בולווארד
פרימאן סטריט. די בילדינג איז גע־
ט לויט דאס לעצטע ווארט אין דער
ביטעקטור, און איז א ציהרונג פאר די
נקס.

די באנק האט זיך געעפענט מאנטאג,
ם 28טען מערץ, און 8 אזייגער אין
ר פריה יענעם טאג, האבען הונדערטע
נשען געווארט אין ליין אויפצועפענען
נק־אקאונטס, און פיעלע פון די מענ־
ן האבען געוואלט, אז זייער אקאונט
ל האבען דעם נומער 1. די פיעלע מענ־
, וואס האבען געווארט, זיינען אטענ־
ט געווארען פון א גרויסער צאהל עקס־
רט־קלויירקס, פון דער הויפט־באנק אין
ר 5טער עוועניו און 32טער סט., און
די אנדערע ברענטש־באנקען, דעלענ־
און ארטשארד סט. און די הארלעם
ענטש; מעדיסאן עוועניו און 116טע
ריט.

כאטש די באנק איז אפען פון 9 אין
ר פריה ביז 8 ביינאכט, האבען די
ירקס געמוזט בלייבען ארבייטען נאך
עטער, אום צופרידענצושטעלען די
לע מענשען, וואס זיינען געקומען טאן
נעם מיט דער ניי־ערעפענטער באנק
די בראנקס.

אין דער באנק געפינען זיך די אלע
רשיידענע דעפארטמענטס פון א מא־
נער באנק־אינסטיטוציע. דארט איז
א קאמוירשעל דעפארטמענט פאר ביז־
סלייט, פאר טשעק־אקאונטס; וועל־
ר אין אפען פון 8 פריה ביז 9 אוהר
ענד. עס איז דארט דא א ספעציעל
טערעסט עקאונט, פאר די, וואס ווילען
ארען געלד, פאר „א רעגענדיגען טאג“.
ר עקאונט קאן געעפענט ווערען מיט
קליינער סומע געלד, און דיעזע עקא־
טס ווערט געצאהלט 4 פראצענט אינ־
רעסט.

די באנק האט אויך א גרויסען אויס־
דישען דעפארטמענט, וועלכער איז
שוין באוואוסט איבער גאנץ אמעריקא. דורך דעם דעפארטמענט ווערט אריבער־געשיקט מיליאנען דאלארס פון די היגע מענשען צו זייערע קרובים אין יוראפ. צוזאמען מיט דעם דעפארטמענט איז פא־ראנען אן אינפארמיישאן ביורא, וועלכע גיט אייך אלע איינצעלהייטען וועגען אויסלענדישע געלד, וועגען שיעפס־קאר־טען און נאך אנדערע זאכען. דיעזע אינ־פארמאציע ווערט געגעבען איינגאנצען פריי.

די באנק אוו יונייטעד סטייטס איז א מעמבער פון דעם פעדעראל רעזערוו סיס־טעם. ווען די ערשטע באנק אוו יונייטעד סטייטס האט זיך געעפענט מיט זעקס יאהר צוריק, און מיט צוויי יאהר צוריק, ווען עס האט זיך געעפענט די באנק אויף דער 5טער עוועניו, איז דער פארמעגען פון דער באנק געווען 10,000,000 דא־לאר; איצטער, ביי דער עפענונג פון דעם בראנקס ברענטש, איז דער פארמע־גען פון דער באנק 35,000,000 דא־לאר. דאס איז א געוואלדיגער ערפאלג.

דער פרעזידענט פון דער באנק איז דער באוואוסטער דזשאזעף ס. מארקוס. די דירעקטארען פון די בייגק זיינען באנ־קירען און פון די רייכסטע ביזנעסלייט אין שטאדט.

א סך ביזנעסלייט פון די בראנקס האבען פריהער געטאן ביזנעס מיט די ברענטשעס פון דער באנק אוו יונייטעד סטייטס אין מאנהעטען. איצט האבען דיעזע מענשען די באנק ביי זיך, אויף זיי־ער אייגען טעריטאריע, און זיי וועלען פארשפארען פאהרען אין די אנדערע פלעצער. דיעזע ביזנעסלייט פון די בראנקס האבען שוין, אייגענטליך, לאנג צוריק פארלאנגט, די באנק אוו יונייטעד סטייטס זאל עפענען א ברענטש אין די בראנקס, און איצט איז זייער וואונש ער־פילט געווארען. די באנק אין די בראנקס וועט זיין פון גרויס נוצען פאר זיי און פאר אלע אידען, וואס וואוינען אין די בראנקס. דער בראנקס ברענטש פון דער באנק אוו יונייטעד סטייטס וועט געוויס האבען דעם זעלבען ערפאלג, ווי עס הא־בען געהאט אלע אנדערע ברענטשעס פון דער באנק אין פארשיידענע קווארטאלען פון ניו יארק.





## געהט נאך דעם גאנצען עולם: זיי געהען צו אונז פארברילען



דר. ס. מערמעלשטיין האט אין זיין לאנגער פראקטיק אויף דער איסט סייד, וואס איז אריבער 20 יאהר, געמאכט פאר זיך אזא נאמען, אז וואו מען געהט און וואו מען שטעהט הערט מען נאר ריידען פון זיינע ברילען. מיר באהאנדלען יעדען זעהר פריינדליך און פאסען צו אלעמען מיט די ריכטיגע גלעזער צו מעסיגע פרייזען. דאס איז אונזער איינציגער אפיס, וואו מיר גיבען אייך דעם בענעפיט פון די נייעסטע וויסענשאפטליכע מעטאדען. אלע ארבייט ווערט געטאן אין אונזער אייגענעם שאפ, מיר באזיצען די בעסטע מאטעריאלען. איהר פארלירט ניט קיין צייט ווען איהר פארלאזט זיך אויף אונז. אפען ביז 9 אוהר אווענדס. זונ־טאג געשלאסען.

**דר. ס. מערמעלשטיין, 392 גרענד סט. קאר. סאפאלק, ניו יארק**

ברייגגט דיזען ארדווערטייזמענט מיט אייך.

# יוניאן העלטה סענטער
# דענטאל קליניק

מיר ווינשען באקאנט צו מאכען דאס דער דענטאל קליניק איז איצט אונ־טער די אויפזיכט פון דר. מאקס פריים, א דענטיסט, מיט א פופצעניאהריגער ערפאהרונג. צוזאמען מיט איהם זיינען דא דר. לואיס ב. עלליס, דר. ה. ב. סילווער, דר. ל. עפשטיין און נאך אייניגע גראדואירטע דענטיסטען און ספע־ציאליסטען.

„רעמואוועבל ברידזשעס“ איז אונזער ספעציאליטעט. ווערט געמאכט אין אונזער אייגענער לאבאראטאריע פון מר. א. טשענקין, איינער פון די פעהיג־סטע דענטאל־מעכאניקער אין ניו יארק.

## יוניאן העלטה סענטער, 131 איסט 17טע סטריט

אפען טעגליך, א חוץ זונטאג, פון 10 אין דער פריה ביז 8 ביינאכט.

**הערי וואנדער, טשערמאן.**

# קלאוקמאכער אויפמערקזאם!
# דער 1טער מאי

וועט געפייערט ווערען

**זונטאג, 2 אוהר בייטאג**

מיט א גראסארטיגען ערשטען קלאסיגען

# קאנצערט
## אין מאנהעטען אפערא הויז

34טע סטריט און 8טע עוועניו.

**ארראנזשירט פון די פאראייניגטע עדיוקיישאנאל קאמיטעס פון לאקאלס 1 און 9.**

## קאנצערטיסטען:
מישעל פיאסטרא — וויאליניסט.
ווינאגראדאף — באריטאן.

## פעסט רעדנער:
וולאדעק און ראבערט מיינער.

טיקעטס פריי. זיך צו ווענדען צו די אויבענדערמאנטע עדיו־קיישאנאל קאמיטעס.

די פראגראם וועט אנאנסירט ווערען.

פ. קאטלער, מענעדזשער.

## פאטראנייזט אונזערע אדווערטייזער

## עס איז גאר ניט שלעכט צו זיין א מצה־פעדלער היינטיגע צייטען.

עס זיינען אמאל געווען צייטען, ווען א מצה־פעדלער האט זיך נעבאך פארשאלטען די טעג וואס ער איז געבוירען געווארען, אדער ווי איינער האט אמאל אויסגעשריען: „רבונו של־עולם, צו וואס האסטו די אידען ארויסגענומען פון מצרים? עס איז דאך ערגער צו זיין א מצה־פעדלער, ווי צו ארבייטען ביי פרעה'ן!" דאס איז אבער אלץ געווען אמאל. אמאל, ווען א מצה־פעדלער האט געדארפט שלעפען צעהן פעקלאך אלערליי מצות צו א קאסטימערקע, ביז זי האט עס צוגענומען. די מצות פלעגען ווערען צוּבראכען און צוברעקעלט און דער סוף איז געווען, אז די קאסטימערקע פלעגט ארונטעררייסען פון די געלד דעם גאנצען פראפיט און אפט איינגאנצען ניט באצאהלען.

היינט איז מצה־פעדלער גאר ניט שלעכט. די פרוי זאגט צו איהם: ברייננט מיר סיימאן און ווייל מצה פון סינסינעטי, די קרוין פון אלע מצות". דער פעדלער ברייננט די מצות, שעהן, גאנץ, קרוכלע, גוט דורכגעבאקען, פריש און געשמאק. די קאסטימערקע איז צופרידען און דער מצה־פעדלער האט גרויס פארגעניגען.

אגב, האט איהר שוין נעגעבען אייער ארדער צו אייער מצה־פעדלער?


# קלאוק פינישערס יוניאן, לאקאל 9.

לויט דעם באשלוס פון דער עקזעקוטיוו באארד מוז יעדער מעמבער פון לאקאל האבען זיין יוניאן בוך אם וויינינגסטען צוויי מאל אין דריי מאנאטען געסטעמפט ביים סעקשאן מיטינג.

די יעניגע וועלכע וועלען ביים אויסביטען די ביכלאך ניט האבען זייערע ביכלעך געסטעמפט וועלען גערופען ווערען צו פאראנטווארטליכקייט און באשטראפט ווערען פאר ניט אויספאלגען דעם באשלוס פון דער יוניאן.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9

איזידאר סארקין, מענעדזשער.



# דעזיינינג

## פעטערן מייקינג

און

# גריידינג

ווערט געלערנט סטריקט אינדיווידועל.

בייטאג און נאכט שטונדען.

אונזער מעטאדע פון לערנען איז ספעציעל צוגעפאסט פאר דער האלסייל ליין פון וואמענס, מיסעס, דזשוניארס, טשילדרענס און אינפאנטס גארמענטס.

זעהט אונז איידער איהר מאכט א מיסטייק.

ליידינג קאלעדזש פון דעזיינינג און פעטערן מייקינג.

פראקטיקעל דעזיינער בילדינג.

פראפ. י. ראזענפעלד, דירעקטאר.

222 איסט 14טע סט., ניו יארק.

(צווישען 2טע און 3טע עווע.)

טעלעפאן: סטייוועסענט 5817.



קויפט אויסשליסליך

# סאלאמכיא טהעע
# צוועטאטשני טשאי
# ווהייט ליליי טהעע


### סקוירט פרעסערס!

מאקס גריפקא, א סקוירט פרעסער, וועלכער האט געארבייט ערגיץ אין דער נאכבארשאפט פון וועסט 25טע סטרים, איז געשטארבען דעם 24טען יאנואר, 1920.

זיין זוהן, דזש. גריפקא, וועלכער וואהנט אין 214 איסט 13טע סטרים, קער אף שולמאן, איז זעהר שטארק פאראינטערעסירט צו דערגעהן וואו זיין פאטער האט געארבייט פאר זיין טויט. איהר וועט איהם טאן א גרויסע טובה אויב אימיצער וועט איהם אינפארמירען וועגען דעם.


# באַרנעט ל. בעקער

## אפטאמעטריסט און אפטישען

215 East Broadway
1709 Pitkin Ave., Brooklyn
100 Lenox Avenue
895 Prospect Ave., Bronx






# טעלעפאן ארטשארד 3793

אונטער די השגחה פון הרב הג' ר' אלחנן יפה רב דבמה"ג. אויב אייער דילער וויל אייך ניט דעליווערען, וועלען מיר אייך דעליווערען ביידע פריי.

Harlem Branch:—300 East 102nd Street, Mr. A. L. Streit
Brownsville Branch:—122 Osborn Street, Mr. W. Axelrod



# דעזיינערס פאר פרויען קליידער ווערען זעהר פיעל פערלאנגט!



לייכט צו לערנען און פיעל געלד צו פארדיענען!

הונדערטע לייטע האבען שוין אויסגעלערנט אונזער מעטאדע און יעצט פארדיענען די פיעל געלד.

נעהמט איצט א קורס

— אין די —

# מיטשעל סקול

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער. א קורס אין מיטשעל סקוהל מיינט א באלדיגע פאזישאן און גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקול פון גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליידער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען. נייע סיסטעמען. בעסטע מעטאדען. בעסטע רעזולטאטען.

פריוואט אונטערריכט אין אידיש. טאג און אבענד קלאסען.

גוטע בעדינגונגען.

שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט, רעקאמענדיישאן און פולע אויסקינפטע.

אבענד קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

# MITCHELL DESIGNING SCHOOL

912-920 BROADWAY (Cor. 21st), NEW YORK

Phone, Stuyvesant 8383

*Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.*



# דר. לואיס סאדאף

## דענטיסט

איז איצט אין זיין אייגענעם אפיס אין

# 1 UNION SQUARE

ROOM 503

TEL. STUYVESANT 9126 COR. 14TH ST.

## אונזער אינטערנעשאַנאַל אנגע־קלאַגט פאר „קאַנטעמפּט אוו קאָורט“.

(שלוס פון זייט 1)

בען ריכטער קאָווענאָ, האָט די דרעס פיר־מע פעלדמאַן בראָס, פון 135 מעדיסאָן עוועניו, פאַרלאַנגט אַן אינדזשאַנקשאָן, און דער ריכטער פאָרערט אויף די יוניאָן צו ערקלערען דעם 18טען אפריל, ווארום ער זאָל דער פירמע אזא אינדזשאַנקשאָן ניט ארויסגעבען. אלזא, די אינדזשאַנק־שאָנס האַלטען אין איין פארמערען זיך.

### די אמעריקאַנער ארבייטערשאַפט פאַנגט אָן אַ אַנטי-אינדזשאַנקשאָן באַוועגונג.

דער עקזעקוטיוו קאָונסיל פון דער אמעריקאַן פעדערייש̇אָן אָוו לייבאָר האָט שוין לאַנג צוריק גענומען אַ שטעלונג צו דער איצטיגער אינדזשאַנקשאַן כוואליע, וואָס בושעוועט איבער'ן גאַנצען לאַנד. ווען פרעזידענט שלעזינגער איז געוועזען מיט אַ וואָך צוריק אין וואַשינגטאָן, האָט ער געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פעדערייש̇אָן אויף דער אינדזשאַנק־שאָן מגפה, וואָס בושעוועט איצט אין ניו יאָרק, און פרעזידענט סעמועל גאָמפּערס איז וועגען דעם לעצטען שבת ספּעציעל געקומען אין ניו יאָרק.

שבת אין דער פריה האָט גאָמפּערס געהאט אַ קאָנפערענץ מיט פרעזידענט שלעזינגער און גען. מאָררים הילקוויט. אויף דעם קאָנפערענץ האָט פרעזידענט גאָמפּערס זיך באַקענט מיט דער לעגאַלער זייט פון די אינדזשאַנקשאַנס געגען אונ־זער אינטערנעשאַנאַל יוניאָן.

דעמזעלבען שבת נאָכמיטאָג איז אין האָטעל מארסיילס אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באָארד פון דעם „סענטראַל טריידס און לייבאָר קאָונסיל אָוו גרייטער ניו יאָרק“. גאָמ־פּערס און שלעזינגער האָבען ביינעוואוינט דעם מיטינג און דאָרט איז אויפגענומען געוואָרען די אינדזשאַנקשאָן פראַגע.

אויף דעם מיטינג איז באַשפּראָכען געוואָרען די רעאַקציאָנערע שטעלונג פון מאַנכע ריכטער, זייער פּאַרטייאישקייט געגען די יוניאָנס, און עס איז באַשלאָסען געוואָרען, דאָס ניט צו פאַרשווייגען. עס איז באַשלאָסען געוואָרען אָנצופאַנגען אַ מעכטיגע אַנטי־אינדזשאַנקשאָן באַוועגונג, אויפצוּוועקען די עפענטליכע מיינונג.

דער מיטינג האָט אויסגעקליבען אַ קאָ־מיטע פון דריי, וואָס זאָל זיך גענוי באַ־קענען מיט דער לאַגע און אויסארבייטען פּלענער, ווי די אַנטי־אינדזשאַנקשאָן באַ־וועגונג זאָל געפיהרט ווערען. עס ווערט ערוואַרטעט דאָס אין אַ פּאָר טעג ארום זאָל די קאָמיטע שוין פאַרעפענטליכען וואָס עס איז ראַטזאַם צו טאָן. די קאָמי־טע פון דריי איז אָבער באַאויפטראַגט גע־וואָרען באַלד צו נעמען דעם מעדיסאָן סקווער גאַרדען פאַר דער ערשטער דע־מאָנסטראַציע געגען יענע ריכטער וואָס האָבען זיך אָפען געשטעלט אויף דער זייט פון קאַפּיטאַל, ניט אַכטענדיג וואָס זייער פליכט איז צו זיין אומפּאַרטייאיש, און אויסטיילען גערעכטיגקייט אַלעמען גלייך, די אָרימע ווי די רייכע, די ארבייטער ווי די קאַפּיטאַליסטען.

עס וועט אין גיכען באַקאַנט געמאַכט ווערען ווען דער מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען וועט אָפּגעהאַלטען ווערען און ווער עס וועלען זיין די רעדנער. עס וועלען געוויס ארויסגעשטעלט ווערען די בעסטע רעדנער פון דער אמעריקאַנער באַוועגונג, און אויך פילע אַנדערע פּראָ־מינענטע פּערזענליכקייטען, און דער מי־טינג וועט אויפרודערען דאָס גאַנצע לאַנד.




# איך זאָג אייך
# זיי שטעלען צופרידען

— און דער בלענד קען ניט נאָכגעמאַכט ווערען.

# Chesterfield
CIGARETTES

20 פאַר 20 סענט